# צוריקוועגס

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

I

צוריקגעקומען פון פאַלעסטינע איז דוד סווירסקי נאָך פינף יאָר זיין דאָרטן. אַרויסגעפאָרן איז ער אַן איין=און=צוואָנציק יעריק בחורל, אַ ראש=הגדוד פון די ציווקעווער שומרים, אַ פריילעכער פאַרשוין, פאַרליבט אין אַלע דאָרטיקע מיידלעך, אָנגעלייענט מיט אַ סך ראָמאַנען און רייזע=באַשרייבונגען, אַן אַקטיאָר אין אַ דראַמאַטישן קרייז לטובת דעם קרן=קימת, דער ערשטער ציוניסט אין שטעטל, אַ גוטער=ברודער מיט אַלע נגידישע קינדער. צוריקגעקומען קיין פּוילן איז ער מיט ווייסע האָר אין דער שוואַרצער טשופּרינע, מיט אַ האַרטער, לאַנג=נישט=ראַזירטער בערשטלדיקער באָרד אַרום די איינגעפאַלענע באַקן, אַ הויכער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ לאַנג=געוואָרענער מרוקעוואַטער נאָז און מיט צוויי בולט=אַרויסגעזעצטע, טונקעלע אויגן, וואָס זייערע גאַלקעס קוקן אַקעגן זיך שטאָלערן=קאַלט און שווייגנדיק, מיט פאַרצויגענע ברעמען פון אינעווייניקסטער עקשנות, אָן חשק אָפּצוגעבן עמעצן דין=וחשבון און צו צעלאָזן זיך מיט מעשיות. אָנשטאָט אַ העמד, האָט ער געטראָגן אויף זיך אַ מין געל=גרינע זעלנערישע בלוזע, פאַרקנעפּלט ביז אַרויף, אַ צעפליקטע קורטקע, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט דער אונטערשלאַק און די זאַק=לייוונט, געלאַטעטע בלויע הויזן פון געשטרייפטן, אויסגעריבענעם סאַמעט און די פיס — אַרומגעוויקלט שטייף מיט קראַקעס ביז צו די אומגעלומפּערטע יאָכמענע שיך — פאַרשנורעוועטע מיט לעדערנע שנורוואַדלעס און באַקלאַפּטע מיט אייזערנע פּאָדקאָווקעס און טשוועקעס.

סווירסקי איז אַרומגעגאַנגען איבער וואַרשעווער גאַסן כמעט אָן געלט, נישט געוואָלט דער טאַטע אין גאַליציען זאָל געוויר ווערן, אַז דער זון איז דאָ און קומען צולויפן, האָט מסדר און מיט לעצטע כחות געזוכט אַרבעט, געדרייט זיך און געלאָקערט אַרום הינטער=שטאָטישע ציגל=רויטע פאַבריקן מיט קליינע, שמאָלע אייזערנע טירלעך און מיט ברייטע פענסטער, טונקל=שויביקע, פאַרדראָטעוועטע, גאָלדיק=צעגלאַנצטע פון עלעקטרישע לעמפּלעך, איז געשטאַנען אין רייען ביי ביוראָען, ווו מ'שרייבט איין אַרבעטסלאָזע צו לייגן ברוקן און פאַרריכטן באַן=טאָרן, זיכער געווען, אַז ער וועט זיך סוף=כּל=סוף דערשלאָגן צו עפּעס און נישט דאַרפן זיך ווייזן אין ציווקעוו. דער יונג איז געווען אָפּגענאַרט אין ארץ=ישראל, שטאַרק ברוגז אויף אַלע יידן, געהאַט פאַרלוירן אַ דריטל פון זיין אַמאָליקער וואָג, איז געווען אויסגעמאַטערט פון הונגערן און אָפּקלאַפּן די שוועלן אין אַמטן, דורכגעברענט פון כראָנישער מאַלאַריע. ער האָט מער נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט זיינע געוועזענע חברים, איז אָפּגעזעסן איינער אליין אויף ליידיקע, נאַסע בענק אין שטאָטישע גערטנער, געלייענט עבר=ובטלדיק אַן אַלטן זשורנאַל, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין קעשענע, געצייכנט פיגורן אויפן פייכטן זאַמד, געגעסן טרוקן ראַזאָווע ברויט, וואָס ר'האָט געקויפט פאַר לעצטע גראָשנס אין באַזאַרן ביי פּראָווינצער גוים, געטרונקען וואַסער פון הויפישע קראַנען. ביינאַכט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ערגעץ אין די אויאַזדאָווער אַלעען, מיט מידע, פאַרנעפּלטע בליקן צוגעקוקט זיך צו די באַלויכטענע, האַלב=ליידיקע טראַמווייען, הוילע אין פּערספּעקטיווע אויפן וועג צו דער רעמיזע. שיכּורע גוים זענען צו אים צוגעשטאַנען, מיט טרערן און מיט אָנגעטרונקענער צודרינגלעכקייט דערציילט אים זייערע צרות, געוויינט און געגאַוועט, געוואָרפן זיך אויף אים מיט די קעפּ צום אַקסל און דווקא געוואָלט קושן זיך און אַרומנעמען. האַלב ביינאַכט האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים אַ שיקסל מיט אַ שאַלכל אויף די אַקסלען, אַ רויט=באַשמירטע, מיט אַ קורץ נעזל. זי האָט זיך צוגערוקט צו אים האַרט, מעשה היימישע פון אַלטע צייטן, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל, געזשמורעט די גרינלעכע אויגן צו אַן אַקעגנאיבערדיקן רייכן הויז, ווו ס'האָט אַ גאַנצע נאַכט געלויכטן אַ געלע, בוימלדיק=גליווערנדיקע שיין, ווי ביי אַ קראַנקן. ס'איז דורכגעפלויגן שטיל און מיט סודותדיקער איילעניש אַ פינסטערער אויטאָמאָביל, אַנטלאָפן אין אַ זייטיקער גאַס גנבהש און מיט דער שאָרכנדיקייט פון אָפּגעטויענע, אויפשטענדיק פאַרבאָרגענע מעשים=רעים, וואָס וועפּן זיך אויס און ווערן צו=נישט מיט דער ערשטער בלויקייט פון פרימאָרגן..' דאָס מיידל פלעגט אויפציטערן מיטן גאַנצן אויסגעצערטן גוף. טוליען זיך אַלץ נענטער און זי האָט דערציילט שטילערהייט' האַלב אין קילן, איבערגעריסענעם חלום:

— פאָרן אום, ווי די טייוולאָנים, און אַלץ מיט אונזערע מיידלעך... אין די האָטעלן פירט מען זיי... דערנאָך בלייבט מען אין גאַס...

שפּעט איז אויפגעגאַנגען אַ רעגנדיקע, האַרבסטיקע לבנה, געשטאַנען קרום איבער דעכער פון די פּאַלאַצלעך, גרוי געשיינט אויף ביימערישע קעפּ. ווייסער נעפּל, ווי מילך, האָט געהויערט נידעריק אויף דער ערד, געקייקלט זיך אַרום לאָמטערן. אַ דין, דראָבנע רעגנדל האָט גענומען וואַשן די בענק, געשטאָכן אין וואַרעמען, פאַרשלאָפענעם פּנים. סווירסקי פלעגט נעמען גיין אַן אויסגעגלייכטער מיט די הענט אין די הויזן=קעשענעס, געקראָכן הפקר גלייך אַקעגן זיך אין אויסגעלאָשענע פאַרטאָגיקע גאַסן, פלעגט אינמיטן דערינען בלייבן שטיין און נאָכקוקן עמעצן לאָקערנדיק, ביז יענער איז אַוועק. געוווינט צו ליגן אין צעריסענע ביידלעך אין סאַמע ווינטער, אָפּצולעבן מיט גאָרנישט, פּלאָנטערן זיך מיט היציקער פאַרנומענקייט אין אָפּגעווישטע, אָפּגעמעקטע רעיונות און סתם=אַזוי זיך אַרימצוקריכן אַ באָרוועסער איבער קאָלאָניעס און פרעגן זיך אויף „עבודה", — האָט ער אויך דאָ געלאַסן און נישט=געאיילט גענומען גיין פון הויז צו הויז, אומעטום אַ פרעג געטון, צי ס'איז נישט פאַראַן עפּעס צו טון, געוויזן זיינע צעוואַקסענע, פאַרהאַרטעוועטע און בלוילעכע הענט, וואָס האָבן אַכצן חדשים דורכאַנאַנד געהאַקט שטיינער אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף הינטער יריחו פאַר עטלעכע פּיאַסטער אַ וואָך.

— נעמט צו, ר' ייד, — האָט ער געטענהט מיט האַלב=פאַרמאַכטע ליפּן און מיט אַ מין העברעישן, גוישן יידיש — וויפל ס'געבן — אַבי ווייטער...

בעל=מלאָכהס האָבן געקראַצט פאַרלעגן הינטער די אויערן, דווקא געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס וועגן „יענע מדינות", מיט פאַרשעמטן חשק געטענהט, אַז מ'גייט אַליין אַרום אָן פּרנסה און מ'זאָגט נאָך אָפּ די אַלטע „מענטשן". אַ ברייטע, צעהיצטע יידענע מיט אַ שייטל איבער די אויערן האָט געגאָסן הייס וואַסער אין אַ פאַן, אַז ס'האָט געזאָטן און געשריגן, געכלאַפּעט פון איין טאָפּ אין אַנדערן האַסטיק און מיט מורא

927 1928

זיך די בודע. פאַרגאַנגען זיך אין אַ היסטעריש קוויטשען, ווי מ'וואָלט אים געשלאָגן מכות-רצח. אַ קליין גויעצל אין די ווייסע אַרבל און מיט אַ רעוואָלווער אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט איז אויסגעוואַקסן פון געדיכטעניש. דער אויסגעשטרעקטער קאָפּ פאָרויס האָט שפּיציק געבויערט די צופאַלנדיקע טונקלקייט, גרייט געווען צו וואַרפן זיך צום געשלעג, נישט רעכט געקענט דערזען דעם קעגנער.

— וואָס ווילט איר, האַ?

— כ'וויל גאָרנישט. מיך טועה געווען.

— די פורטקע איז דאָך פאַרמאַכט!

— דער ווינט האָט מיר אַריינגעיאָגט דאָס היטל.

— אַ! מ'קען שוין די מעשיות! רוק דיך אָפּ, וויל באַקומסט אַ קויל! איינס צוויי דריי!

ס'האָט אַ קנאַק געטון און אַ סווישטש ביי די סאַמע אויערן, אין שאַרבן האָט זיך אַ הויב געטון דער מוח, צעזאָטן זיך. סווירסקי איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט, זיכער געווען, אַז ס'האָט אים געטראָפן און אַז ר'וועט באַלד פאַלן, געלאָפן ווייטער אָן אָטעם, אַליין נישט געדענקט ווי לאַנג. קיין אָטוואָצק איז ער אָנגעקומען נאָך צוועלף אַ זייגער. אין געמויערטן וואָקזאַל האָט געברענט אַן איינציקער לאָמפּ, ביי אַ קליין פענסטערל זענען געשטאַנען עטלעכע גוים און געוואַרט אויף בילעטן. אינדרויסן האָבן געפייפט צוגן, געסקריפּעט אויף שינעס, הויל זיך אָנגעקלאַפּט. סווירסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ זאַמדיקן מוח ביים טיש, געפילט אַן ענגקייט אין שאַרבן, צעתּמט און מיט אויסגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צום שאָרכן אין יענער זייט וואַנט, איינגעשלאָפן אַן אומרויקער, ווי בעת מ'פאַרגעסט אין עפּעס: געשנאָרכט, שווער געכראָפּעט און יעדעס מאָל אויפגעציטערט, ווי פון אַ ביס פון אַ פליג. דער יונג האָט געקרעכצט, געזיפצט און גערעדט לשון-קודש מיט אַ שטומלעך-אָפּגענומענער צונג:

— מר כהן — שלום!... תן לי פת לחם... הבא!...

(המשך קומט)

---

### אין דער בערלינער ליטעראַריש-קינסטלערישער וועלט

סוף פון יאָר 923

וואָס טראָצקי האָט בשעתו צוגעשטעלט דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אַלס ענטפער אויף די אָנגריפן. דער ענטפער באַרירט פאַרשידענע פּונקטן: דעם „נעפּ", לעניניס הנחות וועגן דעם אָדער יענעם פּונקט פון דעם פּראָגראַם, די פּלוגתּאס אין דער פּאַרטיי וועגן פויער, די פעסטשטעלונגען, צי טראָצקי האָט באַצייטנס געזאָגט אָדער נישט געזאָגט די אָדער יענער פּראַזע.—אַלץ זאַכן וואָס זענען אַן און פאַר זיך פאַר אַ פּאַרטיי-מאַן וואַרשיינלעך פון אינטערעס. אָבער די גאַנצע מחלוקת און דער פּירוש אויף איר איז אַן ענין פאַר א ײ ג ע נ ע. אַלץ איז דאָגמע. מען שפּאַרט זיך איבער אַ קוצו של יוד,—און דער זייטיקער וועט נישט תּמיד פאַרשטיין, אין וואָס עס האַנדלט זיך אפילו. אַן אינערלעכער סכסוך, וואָס זיין באַדייטונג איז פאַר דעם ברייטן פּובליקום אומקלאָר. דערביי איז אַלץ געשריבן אין אַ טרוקענעם סטיל, סכאָלאַסטיש, אָט אַזוי ווי מען שרייבט אַ פּאַרטיי-מעמאָראַנדום.

איך האָב באַלד געהאַט אַ חשד, אַז אָט די נאָטיצן פון טראָצקין וויל מען אַרויסגעבן פאַר אַ נייעם בוך פון טראָצקין. און אַזוי איז עס. די קריטיק האָט עס תּיכּף באַמערקט. עס איז נישט קיין „בוך", ווי מען פאַרשטייט עס געוויינלעך, און עס איז צו צווייפלען, צי טראָצקי האָט געגעבן זיין הסכּמה אויך צו דער אויסערלעכער פאָרם פונם בוך: אַ שער-בלאַט, רויט באַמאָלן, מיט טראָצקיס בילד, — קורץ, מיט אַלע בילי‌קע אַקסעסואַרן פון אַ „קאָניונקטור-ווערק". עס איז אָנצונעמען, אַז אויך אין דער פרעמד זאָל מען מאַכן געשעפט מיט דעם בוך. מען קאָן עס איבערזעצן,—און דער עולם וועט מיינען, אַז ער וועט דאָרטן געפינען מי יודע וואָס.

דאָס בוך איז נישט סענסאַציאָנעל. עס אַנטהאַלט איבערהויפּט נישט קיין נייעס. עס איז בלויז ווערטפולער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פונם אינערלעכן קאָמוניסטישן קאַמף. מאַטעריאַל—הויפּטזעכלעך פאַר אייגענע מענטשן, נישט מער.

---


פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע

ערשט דערשינען

י. אָפּאַטאָשו

**ביאַנקע**

(נאָדעלן)

פּרייז 6.50 זל.

Spółdz. „Bycher", Warszawa, Nalewki 2a הויפּט-פאַרקויף

P. K. O. 13.196 :פאַר געלט

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

א. לעיעלעס

**אשר לעמלעין**

דראַמאַטישע פּאָעמע אין 8 בילדער

— פּרייז 2.50 גילדן —

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע

**די ווערק פון ד"ר א. קאַראַלניק**

— אין 5 בענדער —

I דאָס בוך פון וואָרצלען

(264 ז.) פּרייז — 7 גילד

II דאָס בוך פון בלעטער

(1-טער טייל) 236 ז. פּרייז 6.50 גילדן

III דאָס בוך פון בלעטער

(2טער טייל, 231 ז.) פּרייז 6.50 גילדן

IV ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן

אַרטיקלען און עסייען (1-טער טייל, 240 ז.) פּרייז 6.50 גילדן

V ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכן

אַרטיקלען און עסייען. (2-טער טייל, 335 ז.) פּרייז 6.50 גילדן

דר. קאַראַלניק האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם טאָן אין יידיש. זיין זאַץ איז אַזוי ווי אויסגעשמידט פון אייזן, דער געדאַנק איז שאַרף און קלאָר. קאַראַלניקס אַרטיקל לאָזט איבער אַ טיפן רושם אויפן לעזער, ווי אַ גאַנץ ווערק.

פּרייז פאַר אַלע 5 בענדער — 33 ג.

אין פּראַכט-באַנד — 44 ג.

הויפּט-פאַרקויף:

Spółdz. „Bycher", Warszawa Nalewki 2a.

# צוריקוועגס

## יצחק באַשעוויס / וואַרשע

II

(המשך)

זוניקע טעג, קאַלטע, חשוונדיק העלע. פון ביימער פאַלן בלעטער מיט שאַרלאַך־רויטע, ברוין־האָריקע פלעקן, ווי אַ מין אויסגעשיטער צרעת; אויף בענק אין אָטוואָצקער שמאָלע, קוראָרטיש פאַרפוצטע געסלעך זיצן אויסגעזעצט אַלטע, אַמאָליקע נגידים מיט האַלב־אויסגעקראָכענע, געל־ווייסע בערדלעך, מיט בלויע נעז, אין פאַררוקטע, שטייפע קאַפעליושלעך איבער די פאַרשוויצטע שטערנס און אין געפלעקטע, געהאַקטע קאַפאָטעס מיט אויסגעפעצטע זיירענע לאַצן. נאָכן זומער קומט צוריק דער הוסט און דאָס דישען אין דער ברוסט. מ׳שפּייט אין בלויע, פייכטע פאַטשיילעס און מ׳קוקט אויף בלוטיקע, ראָזע קאָלירן אין דער ליחה. פאַנאַנדערגעשפּרייטע פונק־נייע ציי־טונגען ציטערן אין שלאַפע הענט. בלאָזן זיך אָן בייכיק פונם לויפנדיקן ווינט, פליען אַוועק שטיפעריש מיט אַ קנאַקן און בלייבן הענגען אינדערהויך אויף סאָסנישע צווייגן. אַלע רייד און מעשיות פון אַמאָליקן רוסלאַנד און פון ווינער פראָפעסאָרן זענען שוין לאַנג אויסגערעדט און איבערגעקייט געוואָרן, די טעג זענען נאָך גענוג לאַנג און די ווייזערס אויף די גאָלדענע זייגערס, איבערבלייבענישן פון אַמאָליקע גוטע צייטן, שטייען כּמעט אויף איין אָרט. אַ גרויסער, געלער הונט גייט אַדורך פאַמעלעך, קוקט אויף דעם אויסגעזעצטן עולם מיט מרה־שחורהדיק פאַרבלמעטע אויגן, איז זיך מיישב, צי ס׳איז כּדאַי צו טון אַ ביל און ער שאָקלט מיטן האָריקן וויידל מעשה תּקיף, וועלכן ס׳לוינט אַפילו נישט אָנצוהויבן מיט אַזעלכע פּחדנים. אַן אָפּגעריסענער ציגיינער אין לאַקירטע שטיוול, מיט אַ שוואַרצער, ברייטער באָרד און מיט אַ גרויסער קודלע האָר פון הינטן, טראָגט אויפן אַקסל צוויי פאַנען, טרונקט אַלעמאָל אַנאַדינע פון אַ קליין פלעשל, וואָס שטעקט ביי אים אין קעשענע און רופט מבוהלדיק, סתם אין דער וועלט אַריין:

— ראָנדאָלע! ראָנדאָלע!

סווירסקי גייט צום וואָקזאַל מיט אַ קליין זעקל אויפן אַקסל. אין משך פון צוויי וואָכן האָט ער דאָ אַרומגעטראָגן קוישן מיט קוילן און האָלץ צו בעלי־הבתּים, אין דער פרייער צייט געשלעפּט פּעקלעך פון פּאַסאַזשירן, באַקומען געשלאָגן פון די טרעגערס, די שקצים. דער יונג האָט מיט די אייגענע פינגער אויסגעאַרבעט אויף הוצאות קיין רייוויץ. פון דאָרטן איז נישט ווייט קיין קוטשמאָוו צום פעטער שמואל. ער טראָגט אויף זיך אַ ניי, בלוי העמד, טרעט פּאַמעלעך און נישט־געאיילט, פייפט־צו אַ חלוציש לידל, וואַרט האַרט סאמע ביי די שינעס אַן אויסגעגלייכטער, ווי אַ זעלנער. אין צוג גייט ער אַריין ערשט נאָך דעם דריטן פייף. דער וואַגאָן פערטע קלאַס איז ליידיק, די פּאָדלאָגע איז באַשיט מיט זעגעכץ. אַ גאַנצן טאָג גיסט אַ רעגן, דער האָריק־געלבלעכער הימל הענגט נידריק ביי דער פלאַכער ערד, וואַרפט אַ גרעלע וואַסערדיקע שיין. סווירסקי ליגט אַן אויסגעצויגענער אינדערהויך אויף דער שטריקענער שאַטקע, דרימלט וואַך און מיטן רוקן אַרויף, שנאָרכט שווער. זיינע אַנטבלויזטע האָריקע פיס האַלטן זיך שטייף אין דער לופט, זענען בלוילעך פון קעלט, ווי טויט. פאַרנאַכט ווערט פול דער וואַגאָן פון יידן. אינדרויסן שטייט אַ רעגנבויגן, ס׳רינען איינציקע טראָפּנס, גראָבע, ליכטיקע. אַ יונגערמאַנטשיק אין שוואַרצלעכע ברילן הייבט אויף זיין דין, אייזערן שטעקעלע, שטאָרקעט דערמיט סווירסקין אין דער פלייצע און שרייט:

— דו איינער, רייוויץ! אַראָפּ!

אין טונקעלן דרויסן בלאָזט אַ האַרבער ווינט. אין נידעריקן, פאַרקאָפּטשעטן וואָקזאַל זענען די ווענט דיקע, ווייס־געקאַלכטע און פוסטע. עטלעכע אוקראַינער „יוונים" אין ווייסע זשיפּיצעס, אין היטלען צו פיר טראַלבן אין יעדן עק און אין כאַדאַקעס זיצן אויף גרויסע זעק תּבואה, רייכערן מאַכאָרקע פון קליינע פייקעלעך, קראַצן די פּעפּערדיקע, פאַרטאַבאַקטע בערדלעך. זיי שניידן אַלע בשותּפות דיקע שטיקער פון איין גרויסן קעז, בייסן־צו קעלבאַס און פאַרטרינקען מיט שנאַפּס פון אַ גרויסער, גרינלעכער שפּירטוס־פלאַש. צווישן די מאַנסבילן זיצט אַ פאַרריסטע באַבע אין אַ געלער פאַטשיילע איבערן קאָפּ און מיט אַ גרויסן קויש צוגעבונדן צו די פלייצעס און איבערגעצויגן מיט אַ שמוציק ליינען טוך. איר פּנים איז אַלט, געקנייטשט, פון אָפענעם מויל קוקן אַרויס דריי לאַנגע, פאַרזשאַווערטע ציין. זי דערציילט עפּעס פאַר אַלע, שמייכלט־צו חניפהדיק אין אַלע זייטן, כאַפּט יעדער מאָל אַ שליק. דאָס קלייד איז ביי איר פאַרהויבן ביז צו די קניען און ס׳שטאַרן אַרויס אַ פּאָר גראָבע, באָרוויסע פיס, פאַרשמירטע, מיט ברייטע האָריקע לידקעס. אַז זי דערזעט סווירסקין, — גיט זי אויף אים אַ ווייז מיט אַ פינגער פול מיט חוזק און הינטישן חשק געפעלן צו ווערן:

— אָט איז אַ טייוול... ביי דער טיר...

אַ קליין גויעצל מיט אַ ריזיקן שעפּסענעם הוט אויפן קאָפּ שטייט אויף. זיינע שכּורע, גרינלעכע אויגן זענען מוטנע־כּעסיק, קוקן צו סווירסקין פינטלענדיק, גרייטע צום געשלעג... סווירסקי גייט צוריק אַרויס, קוקט־אויס אַ בעל־עגלה, וואָס פאָרט קיין קוטשמאָוו. אַן אַלטער פּוילישער פויער מיט אַ ווייס־געשוירן בערדל, אין אַ האַלב־פאַרברענטן שטרויענעם קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, גייט אַדורך מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און אין אַ לעדערנעם פעלץ. ער שאָקלט צו דעם קאָפּ, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דערהערט, אַז יענע פרעגט זיך קיין קוטשמאָוו — רופט ער זיך אָן:

—ווסטייטש, איך גיי דאָך אַהין... צו וועמען דאַרפסטו? —

— צו מענדל טקאַטש...

— אַ נו, קום מיט מיר... זיין פאָטער, דער געשטאָרבענער — אַ „קום" איז ער געווען און אַ מענטש אַ באַגלויבטער... אַ אַכט ווערסטלעך אינגאַנצן...

דער גוי האָט עפּעס אָנגעהויבן מורמלען צו זיך אַליין, אַנטשוויגן געוואָרן און מער אַזוי נישט אויסגערעדט קיין וואָרט ביזן סוף: געגאַנגען פאָרויס אין זיינע יאָכטענע, ברייטע שטיוול, געבויגן זיך פאַר יעדער הילצערנעם צלם, צוויי מאָל זיך געשטעלט מתפּלל זיין ביי אַ „קאַפּליצע" און אַנידערגעקניט... סווירסקי איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן אויף אַ שמאָלע סטעזשקע צווישן ברייטע, בערגיקע פעלדער. נאַס געווען פון ראָסע. שטיל און אָנגעלענט זענען געלעגן די נידריק־הויערנדיקע וואָלקנס איבער דער חשכותדיקער ערד, בלויז אין מערב האָט זיך געזען אַ פּאַס הימל, ראָז און פאַרטאָגיק־רויטלעך, ווי אַ פרימאָרגן פון אַ ווייטער, ליכטיקער מדינה... אין אַ דאָרף האָבן געבילט הינט און ס׳האָבן געהירזשעט געפּענטעטע פערד, וואָס נעכטיקן נאָכן שניט אינדרויסן... קיין קוטשמאָוו זענען זיי אָנגעקומען אַרום איינס אַזייגער. אין דער פינסטערניש האָט

מען דערזען אַ שפּיץ פון אַ קלויסטערל, פאַנאַנדערגעוואָרפענע הייזלעך, וואָס שטייען אויף שפּוּעס פון בערגלעך. אַז אָט־אָט גליטשן זיי זיך אויס און פאַלן אַריין אין דער בלאָטע. דער גוי איז שטיין געבליבן, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזאָגט:

— צו וועמען דאַרפסטו?

— צו מענדל טקאַטש...

— אַ, אָט דער... דאָ אַקעגנאיבער, ווו ס'לייכט זיך...

סווירסקי האָט געעפנט אַ צוגענייגטע, הילצערנע האַלבע טיר, געעפנט אַ צווייטע מיט פאַרשטויבטע שויבן, באַקלאַפּט מיט טאָוול און פאַרשטופּט מיט שמאַטעס, איז אַריין אין אַ נידעריק, אָפּגעריסן שטיבל באַשטעלט מיט זעק. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט שאָלן פון רעטשקע, אויסגעשיטער הירזש פאַר עופות, ס'איז געשטאַנען אַן ענגלישע וואָג און אַ קליין מילכל. אויף אַ באַנק, פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, איז געלעגן און געשלאָפן אַ יונג מיט אַ באַראַנקאָווע קוטשמע אויפן קאָפּ, אין די מלבושים און צוגערעקט מיט פאַלטאַנעס און לאַכעס. אויפן טישל האָט געברענט אַ לעמפּל. דער פעטער — אַ נידעריקער, אַ שמאָלער אין אַ פאַרפעדערטער יאַרמולקע און מיט אַ געלבלעך־שטויביק בערדל — איז געזעסן און געזאָגט עפּעס פון אַ ספר אַרויס מיט כוונה און מיט אויפגעהויבענע געלע ברעמען פון פרומקייט. אַ כאַלאַטל האָט ער אויף זיך געהאַט אַ צעפליקטס, פול מיט ריסן און צויטן און אַ סך מאָל אַרומגעוויקלט מיט אַ מאָכיק־גרינלעכן, שווערן גאַרטל. אויף זיין דינער, לענגלעכער, רויטער ירא־שמים־נאָז זענען געזעסן אַ פּאָר בלעכענע שפּאַקולן מיט בלוילעכע שייבלעך, ווי פאַר אַלטע לייט, און אַראָפּגערוקטע צום סאַמע שפּיץ.

סווירסקי האָט אַ לייכטן הוסט געטון, איינגעבויגן זיך כדי נישט אָנצושלאָגן אין דער פאַרסאַזשעטער סטעליע, דערמאָנט זיך, אַז אין אין שטוב פלעגט מען אַמאָל רעדן וועגן אָט דעם פעטער מענדל, ווי וועגן אַ נגיד און גרויסן חכם. — דער פעטער האָט צוגעזאָגט צו אַ קאַפּיטל, אָפּגעווישט דעם שווייס מיט אַ רויטער פאַטשיילע, אויסגעזען נישט צו וויסן, אַז ס'איז עמעץ אַריינגעקומען. נאָר פלוצלינג איז ער אויפגעשטאַנען, אויסגעשטרעקט זייטיק און כלאַחר־יד זיין קליינע האָריקע האַנט און זיך אָנגערופן, ווי צו אַ היימישן:

— דור, אַז — שלום־עליכם! — כ'האָב ערשט יענע וואָך דערהאַלטן פון דיין טאַטן אַ בריוו, אַז דו קומסט צוריק און אַז מ'האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון דיר... מילא נו, געליבט השם־יתברך!

— אין דערהיים... וואָס הערט זיך דאָרטן? — איז סווירסקי צעטומלט געוואָרן, אַז די ווערטער זענען אַרויס הייזעריקע און כאָרכלענדיקע. — כ'מיין צו זאָגן —

— אינדערהיים איז ביז נישט לאַנג געווען זייער שלעכט מיט דער פרנסה — האָט דער פעטער געציילט די ווערטער און אָנגעוויזן סווירסקין מיט אַ פינגער אויף אַ צעבראָכן בענקל — נאָר איצט האָבן זיי זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער אָרט... קיין באַביעניטשע, אַ? — דו ווייסט גאָרנישט?

דער פעטער האָט געלאַסן פאַרקנייטשט דאָס אָרט אין דיקן נהורא־מעליא סידור, פאַרמאַכט פאַמעלעך, ווי דער דין איז, אים אָפּגערוקט פון זיך און אָנגעלעגט זיך אויף דעם אַלטן ירושה־פאָטעל מיט די ביינערנע קנעפּלעך, דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן פון מאַגנאַטישן שווער. אַמאָל אַן עלוי, אַ גבירישער איידעם, אַ חשוב ביים טריסקער און מיט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט פאַר אַ בורר און קענער פון וועלטזאַכן — האָט אים אויף דער עלטער אויפגעהערט גיין, דאָס ווייב איז אומגעקומען, דערוואַקסענע זין און טעכטער זענען געשטאָרבן אויף לונגען־פעלערס, אָדער אַוועק קיין אַמעריקע. די הייזער זענען אָפּגעברענט געוואָרן בשעת די שרפות אין דער מלחמה און די צענדליקער מאָרגעס ערד זיינע זענען געבליבן שטיין וויסט און אומפאַרזייעט. זינט יענער צייט האָט דער פעטער אויפגעהערט פאָרן צו גוטע יידן, געדאַוונט אין קאַלטן שולכל צוזאַמען מיט די שניידערס, נישט געלערנט מער קיין שיעורים גמרא מיט תוספות יעדן פרימאָרגן אין בית־המדרש, אָפּגעשיידט זיך פון אַלע קהלישע ענינים און אָנגעהויבן גיין אויף אַ וועג פון פשטות: געזאָגט אַ סך תהלים, געשלאָפן אויפן גרויסן בייכיקן פּיעקעליק, ווי ס'איז דער שטייגער פון אָרימע יידן, וואַסער־טרעגערס, אָפּגעטרענט די עטרה פון טלית, געפּאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק און געלעבט פון זיינע צוויי קאַשע־ און הירזש־מילעכלעך, ביי וועלכע ר'האָט אַליין געדרייט דאָס ראָד. אין שטעטל האָט מען זיך געסורעט, אַז אין מיטן דער נאַכט קומט צו אים אַ מדינה־ייד פון די ל"ו צדיקים און זיי זענען עוסק אין קבלה... איצט האָט דער פעטער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ האַלבן האָרן מיט טאַבאַק, אַ שמעק געטון און דאָס אויסגעצויגענע איינגעפאַלענע פּנים זיינס האָט קוים געצוקט פון איינגעהאַלטענע כוונות און פון יענער פאָרכטיקער געלייטערטקייט פון יידן, וואָס גייען שטילערהייט אויף זייער אייגענעם וועג און האָבן תמיד מורא זיך נישט צו פאַרזינדיקן מיט קיין מחשבה. ער האָט אַ קוק געטון אויף סווירסקין מיט זיינע בלויע, אויסגעלאָשן־פאַרחלבטע אויגן, אָנגערופן זיך מיט ישוב־הדעת און משפּחהשער געטריישאַפט:

— קומסטו, הייסט עס, פון ארץ־ישראל, אַז יאָ־יאָ. אין ירושלים ביזטו אויך געווען?

— געווען.

— און אין חברון, ביי דער מערת־המכפּלה?

— געווען.

— און אין ערגעץ — כ'מיין צו זאָגן — קיין ברויט איז נישטאָ, אַ?

— גאָרנישט נישטאָ — האָט סווירסקי אַראָפּגעלאָזט די הענט.

דער פעטער איז צוגעקראָכן צום שענקעל, אַרויסגענומען ברויט מיט קעז, אָנגעגאָסן אין אַ שיסעלע רויטן באָרשט, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, גענומען רעדן סודותדיק און מיט אויפגעהויבענע אַקסלען וועגן דעם, אַז אַלץ איז פון השם־יתברך... דער מענטש מיינט, אַז ער טוט, וואָס ער וויל, גלייך ווי דער האָן מיינט, אַז ער קרייעט ווייל ער וויל... אין אמתן פירט מיט אַלעמען די השגחה... דער אויבערשטער וויל, אַז יידן זאָלן זיין אין גלות, דערפאַר קען אַ ייד געפינען פרנסה אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע מדינות. דאָס איינציקע לאַנד, ווו דער ייד איז אַן „אובד־עצות" איז ארץ־ישראל... דער פעטער האָט גערעדט לאַנג, נישט ווילנדיק אַרויף אויף אַ שמועס וועגן אמונה, געטענהט, אַז דער גלות איז געגליכן צו נאַכט און די אמונה איז אויך בחינת נאַכט... געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די אַלע זאַכן האָט מען פאָרויס געזען מיט טויזנטער יאָרן צוריק און אַז די שווערסטע זאַך פאַר אַ מענטש איז צו פאַרשטיין די סאַמע פּשוטע ענינים. סווירסקי איז געזעסן מיט צעצינדענע אויערן, וואָס קומט אַלע מאָל פון הערן מוסר, נערוועז געקנעטן קרישקעס צווישן די פינגער, פלוצלינג אַ זאָג געטון, אַז ס'טוען אים נישט באַנק די אַלע צרות, וואָס ר'איז אויסגעשטאַנען ביז היינט... סתם, וואָס אָרט

עס אים!... דער פעטער איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעווישט דעם שווייס מיט דער פּאָלע און אַ זאָג געטון, ווי צו די ווענט:

— יסורים! — דערויף זענען מיר דאָך אַראָפּגעשיקט געוואָרן... יסורים דאַרף מען קענען פאַרשטיין...

ער האָט זיך גענומען פּאָרקען ביים אייזערנעם בעטל, עס אויפגעשטעלט, נישט געלאָזט מ'זאָל אים העלפן, אָנגעלייגט דאָרטן שטרוי און אַ פלאַכטע, זאָרגעוודיק געטאַפּט צי ס'וועט זיין ווייך, אַוועק אין קאַמער און געברענגט אַ פול ציכל היי, געטון אַלץ נישט-געאיילט, טרעטנדיק כמעט אויף די נעגל. דערנאָך האָט ער געוואַשן די הענט, געלייענט קריאת-שמע שטייענדיק אַ צוגעקלעפּטער צו דער וואַנט, נישט גערירט זיך פון אָרט, אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ פּעקל מלבושים אויפגעהאָנגען אויף אַ הענגער. סווירסקי האָט זיך שטילערהייט געלייגט אין בעט אַריין, פאַרמאַכט די אויגן, פון גרויס מידקייט נישט געקענט איינשלאָפן, געהערט דאָס גרילצן פון גרילן און דאָס כסדרדיקע קראַצן פון מייז הינטער דער פּאָדלאָגע. אין אַ שטאַל אין יענער זייט שטוב האָט געסאָפּעט אַ קו, געריבן די הערנער אין דער וואַנט און געמרוקעט פאַרבענקט און אויסגעצויגן. דער פעטער האָט אויסגעטון די שטיוול, אַ האָרך געטון צו סווירסקין, צוגעשטעלט אַ לייטערל צום פּיעקעליק און אַרויפגעקראָכן: פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די שמאַטעס שטיל און פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמעצן באַהאַלטן. דאָס לעצטע מאָל האָט מען געהערט זיין קרעכץ פון דער פינסטערער פאַרטיפטקייט:

— אַי-אַי, טאַטע — אַי-אַי!...

III

סווירסקי האָט אָנגעלייגט וועג, כדי נישט אַדורכצופאָרן דורך ציווקעוו. בשום-אופן נישט געוואָלט זען זיך מיט די אַמאָליקע חברים. איז פאַרפאָרן מיט דער באַן קיין ראַוואַ-רוסקא און דאָרט געדאַרפט אָפּוואַרטן א פורל קיין באַביענישטע. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער. אויף שינדל-דעכער איז געלעגן אַ ווייסער, שימלדיקער פראָסט, טעלעגראַף-דראָטן האָבן געגלאַנצט אייזיק און ס'האָבן אויף זיי אַרומגעהיפּקעט קליינע, שוואַרצע פייגעלעך, הונגעריקע און דערשראָקענע פאַר ווינטער. קאַלוזשעס אויף שוואַרצלעכע לאָנקעס האָבן זיך פאַרצויגן דין מיט אייז, ווינטמילן האָבן זיך געדרייט אינדערגיך; שטורמישער און דורשטיקער ווי אַלעמאָל זענען געלאָפן טונקעלע טייכן אונטער אייזערנע בריקן; פון הינטער רויכיקע, האַלבצעגאַנגענע וואָלקנס האָט אַרויסגעקוקט אַ קליינע, צעגאָסענע זון, ווי אָפּגעשפּיגלט אין מוטנע וואַסער... סווירסקי איז געפאָרן פון פאַרטאָג ביז מיטאָג-צייט, צוגעקוקט פון דער האַלבפאַרהויכטער שויב צום לוסטיקן, פאַרפלאָנטערטן טאַנץ פון יונגע סאָסנע-וועלדער, צו ברייטע, גרויע פליינען, באַזעצט שיטער מיט קוסטעס אויף מיילן-ווייט, געזען, ווי דערפער בייגן זיך אויס אין אַ בויגן, גלייכן זיך אויס און רוקן זיך צוריק דערשטוינטע, מקנא געווען אויף די צעאַקערטע, שוואַרצערדיקע פעלדער און בהמות, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט און געגריזשעט תמעוואַטע די ווייסע, לעצטע וואָרצלען פון גרעזער. אין ראַווע זענען געשטאַנען אין דער ברייט פון טאָר אַ סך עלעגאַנטע, עסטרייכישע צוגן גרייטע אָפּצופאָרן. אויפן פעראָן האָבן זיך געדרייט גאַליציאַנער תקיפישע ווייבער מיט ברייטע היטן אויף די שווערע שייטלעך, בייכיקע, בכבודיקע יידענעס, מיט פולע, נאָכהענגענדיקע גוידערס און מיט כיטרע, בייזע פנימער, גרייטע צו מאָנען רעכט און זיך צו בייזערן; יונגעלייטלעך אין שפּיציקע קאַפּעלאַטשלעך, פלינקע, אין געהאַקטע קאַפּאָטעס מיט לאַנגע, דינע פאהלעך און אויסגעציפּטע בערדלעך, זענען געלאָפן פון איין וואַגאָן צום אַנדערן, געלאָדן סחורות, גנבהיש עפּעס צוזאַמען געשמועסט און געסודעט זיך מיט אַ הויכן, לאַנג-קעפּיקן, ליסן גוי אין אַ פּריצישער בורקע ביז צו דער ערד און מיט אַ האַרט קאַפּעלושל אין דער האַנט. אַ חברה יידישע סקויטן אין בלוזעס פון גרינער, אָפּגעבליאַקעוועטער לייוונט, אין קורצע הייזעלעך, אַז מ'האָט אַרויסגעזען שטיקער האָריקע לידקעס, און מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט, האָבן דאָ געוואַרט אויף אַ באַן, זיך אויסגעשטעלט, געקוקט פאַר זיך מיט מאָגערע, טעמפּע, באַוואַקסענע פנימער, געזונגען אויף פויליש לידער לכבוד ארץ-ישראל און יהודה, געטופּעט מיט די פיס. סווירסקי האָט פאַרצויגן די ברעמען, געשעמט זיך זיי צו קוקן אין די פנימער, זיכער געווען, אַז די דאָזיקע רייכע זינדלעך וועלן פריער צי שפּעטער עפענען געשעפטן אין לעמבערג און פאָרן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, כדי אָפּצוטרעטן אין וואַרעם-בעדער, געפילט מיט שרעק און בושה, אַז אייגנטלעך גייט אים מער קיין שום זאַך נישט אָן און אַז ס'איז אים קיין שום נפקא-מינא נישט, צי דער כלל-ישראל וועט זיך אויסשמדן, אָדער בלייבן זיצן אַזוי ווי היינט, קויפן שקלים און לעבן מיט דער איינרעדעניש, אַז זיי האָבן אַן אייגן לאַנד... אין אַ טיי-הויז אַקעגנאיבער דער סטאַציע איז געשטאַנען אַ נידעריקער, ברייטער ייד אין אַ מין רבנישן סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש, אין אַ ריפּסענעם, שיין-יידישן שלאָפראָק און מיט אַ ברייטער, שוואַרץ-ברוינלעכער, וואַלדיק-קאָלטאָנעוואַטער באָרד אין די סאַמע בוימלדיקע אויגן אַריין, וואַרעם-צעבלישטשעטע פון „פריון", איבערגעדעקט מיט בערשטלדיקע ברעמען. דער ייד האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַלע זיינע זין און שנירן, צוגעיאָגט, מ'זאָל וואָס-גיכער דערלאַנגען די געסט דאָס זייעריקע, מיט דער לינקער האַנט פאַרשריבן אין אַ בוך, געטוישט דאָלאַרן, געכאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אויפן גאָלדענעם זייגער אין אַטלעסענעם וועסטל, אויסגעשטעקט אין איילעניש אַן אויער פאַר אַ היימישן מענטש, כדי עפּעס צו הערן אין דערשטיל, געשמועסט חסידות מיט אַ רבילע, וואָס איז געשטאַנען ביים בופעט אין זיין אַלטן זיידענעם איבערציער און אין ווייסלעכע, צעריסענע שטיוול און גערויכערט אַ ביליקן פּאַפּיראָס... דערהערט פון סווירסקין, אַז ער זוכט אַ פור קיין באַביענישטע — האָט ער כאַפּנדיק גענומען דזשאַמדזשען דורך די וואָנסן:

— עבן, עבן, גראָד היינט איז דאָ אַ באַביענישטער פור! לויף, ווייל זי גייט אַוועק! דאָרטן!

סווירסקי האָט דעריאָגט אַ פור מיט ליידיקע פעסלעך פון ביר צוגעשפּאַנט צו צוויי שיינע, נגידישע שוואַרצע פערד, אַזעלכע ווי ס'זענען נאָר פאַראַן אין גיטער ביי פּריצים. אַ נידעריקער יונג אין שיך מיט שטולפן און מיט באַקנבערדלעך האָט זיך געפּאָרעט ביי די לייצן, געקייט עפּעס אויף דער לינקער באַק. אויגן האָט ער געהאַט קליינע, ווייט אָפּגערוקטע, ווייסלעך-אויסגערונענע, אַ נעזל — אַ קליינס, אַ פלאַטשיקס. נעבן אים אויף די קאָזלעס איז געזעסן אַ קליין לאָם יידל מיט אַ געל בערדל און מיט לוסטיקע, נאַרישעוואַטע, בלויע אויגן. דער טוכענער קאַפּעליוש זיינער איז געווען באַוואַקסן מיט שיפּן בלאָטע, ווי די היפּטן פון אַ פאַרלאָזטער קו, דאָס אָפּגעחומלטע קירהשע טולופל איז געווען פאַרסאַרגעט ביז אַרויף, דער קעצענער קאָלנער — אויפשטעלט מיט הייטערער גרייטקייט, די אַרבל — איינער אין צווייטן. נעבן אים איז געלעגן אַ קולע אויסגעבעבט מיט פּליוש. דער ייד האָט קיין איין רגע נישט אויפגעהערט רעדן און צושמייכלען מיט הנאה און שוטהוואַטער תענוג:

(המשך קומט)

# צוריקוועגס

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

(המשך)

— הייסט עס, איר זענט שוין אין ברייהויז אַ גאַנץ יאָר, עז — האָט ער געפרעגט דעם יונג — אויף אַ וואָר?

— אוודאי.

— כי־כי, אַ שיין ביסל וועט ער זיך דאָס דערפרייען, ר׳ גבריאל מרגלית, אַז ר׳וועט מעך זען! אָן אַ שיעור זאָג עך איידן! — בראָנפן מאַכט מען אויך ביי אייך?

— דאָס נישט.

— און אַז מ׳וויל טרינקען לחיים, העז איז וואָס־זשע טוט מען דאַמאָלס?

— מ׳קויפט.

— אַ, אַזוי גאָר! אַ שאָד! עך מיין צו זאָגן: אַ שנאַפּס קומט טיילמאָל מער צו־נוץ, ווי אַ גלאָז ביער, העז ווי מיינט איר? נישט איינמאָל האָט ר׳ גבריאל אייך געמוזט דערציילן וועגן מיר, אַז דער ייד האָט מיך ליב סכנת־נפשות... איר וועט עפּעס זען אַ קבלת־פּנים!...

ער האָט נישט פאַרמאַכט דאָס מויל אויפן גאַנצן וועג, געהוידעט זיך אַרויף און אַראָפּ, אויסגעזוכט קערנדלעך אין שטרוי און זיי געקייט מיט זיינע געלע ציין, גערימט זיך, אַז ר׳איז אַמאָל געווען אַ גרויסער נגיד און אַז אין יאַווערעאָוו האָט מען אים גערופן משהל חכם... סווירסקי האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים, קוים זיך איינגעהאַלטן אים נישט צו לאַכן אין פּנ׳ט אַריין, איינגעטוליעט זיך פון קילקייט אין לייב. די רעדער האָבן זיך געשניטן שווער אין ליימיקן, פאַרהאַרטעוועטן וועג, געשלעפּט זיך באַרג אַרויף און אַראָפּ, געטרעסעט און געבויגן זיך אין אַ ־ייט, ווי אַרויסצוואַרפן פון זיך די גאַנצע משא. אין אָוונט האָט אויפגעשיינט אַ ווייסע, פּראָסטיקע לבנה. ס׳האָט גענומען צוויקן אין דער נאָז און אין די אויערן. הינט האָבן געבילט פון פאַרמאכטע, באַלעבאַטישע הייף, דער בלויער, שייניקער הימל האָט זיך געצונדן מיט שטערן, דערמאָנט אין ערשטע נעכט פון יום־טוב. אַרום זיבן אַ זייגער איז סווירסקי אַראָפּ פון פורל, געגאַנגען, ווו מ׳האָט אים געוויזן, אויף אַ לאַנגן וועג אויסגעשטעלט אין ביידע זייטן מיט טאָפּאָלעס, דיקע, מיט אָפּגעריסענע שטיקער פון דונערן, און מיט היילן. אין דעם האַלב־שטעטל־האַלב־דאָרף זענען די הייזלעך געשטאַנען צעריקטע אויף אַ גרויסן שטח מיט פאַרזייטע פלעצער אינמיטן און מיט ברייטע גריבער וואַסער, סטאַוון — מיט גאָרנישט אַרומגעצוימטע. אין קליינע פענסטערלעך קרום פאַרזעצט אין צעוואָרפענע כאַטעס, אונטערגעמויערטע מיט שטיינער, האָבן רויט און טונקל־אַריינגערוקט געטליעט נאַפטלעמפלעך. אַ הויכער יונג אין לאַנגע שטיוול מיט אַ שפּיציקער יאַרמלקע אויפן קאָפּ האָט געשלעפּט הינטער זיך אַ ווייסע קאָזע אויף אַ שטריק און געשפּאַנט מיט ברייטע שפּרייזן. סווירסקי האָט עטלעכע מאָל אים געמוזט רופן, ביז ר׳האָט זיך אָפּגעשטעלט. דערהערט, אַז מ׳פרעגט זיך צו לייזער סווירסקי — האָט ער געזאָגט:

— צו דעם, וואָס פאַרקויפט קאַמאַשן?

— ניין — יאָ.

— אַ ציוקעווער, ווי?

— יאָ.

— אַ, זענט איר דאָס, וואָס קומט פון פּאַלעסטינע, העז?

— ס׳איז מיר באַלד איינגעפאַלן... וואַרט אַ מינוט, וועל איך אייך צופירן... כ׳וועל נאָר אַריינפירן די קאָזע...

דער פאַרשוין איז אַוועק אינדערגיך, באַלד צוריקגעקומען, אָנגענומען סווירסקין ביי דער האַנט, גענומען דערציילן מיט פּחדנותדיקער, דאָרפישער צוגעלאָזטקייט, אַז ער אַליין טראַכט שוין לאַנג וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט דאָרטן אַ קוזין און יענער וויל אים שיקן אַ סערטיפיקאַט... דער פאַרשוין האָט געמאַכט מיט די גראָבע הענט, אַלעמאָל אָנגעכאַפּט סווירסקין, ר׳זאָל זיך נישט אויסגליטשן, גערעדט מיט גראָב־יונגישער צוטרוילעכקייט וועגן דעם, אַז זינט פראַנץ־יאָזעף האָט נישט צו שאַפן, זענען די „גייעס“ געוואָרן חוצפּהדיק, לאָזן נישט אין דאָרף קיין ייד פאַר די אויגן, און ס׳קומט־אָן מיט יסורים, ביז מ׳קריגט צו קויפן אַביסל פלאַקס, אָדער חזיר־האָר. צו אַלע צרות איז נישט אויסצוהאַלטן פון די שטייערן. אַנימלט האָט דער עקזעקוטאָר ביי זיין מאַמען צוגענומען ס׳גאַנצע ביסל סחורה אין געוועלבל און די טעכטער האָבן זי געמוזט נעמען צו זיך. סווירסקי האָט געדעפּטשעט אין דער בלאָטע, געשפּירט, אַז די כחות גייען אים אויס מיט יעדן טריט, איינגעטוליעט זיך, נישט געוווסט, צי ס׳דערגייען אים אַזוי יידישע צרות, אָדער די אייגענע אויסגעמוטשעטקייט. דאָס מויל — אַן אָפּגעוווינטס פון רייד — האָט איצט גערעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער, מיט אַ געפרוירן, פאַרענדערט קול:

— דאָס... כ׳וויל זאָגן... אין פּאַלעסטינע איז אָבער ערגער... אַ סך ערגער...

— וואָס הייסט, ס׳איז ערגער? — האָט דער יונג נישט פאַרשטאַנען און זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אינמיטן וועגס, ווי סווירסקיס רייד זאָלן אים זיין אויפפאַלנדיק און דערוועקן אַ חשד. — אַז מ׳וויל אַרבעטן שווער און ביטער? אַז כ׳בין אַפילו גרייט צו הונגערן, ווי איר זעט מיך אַ ייד!..

— נו, און קראַנק זיין... איר ווייסט, גאַנץ ארץ־ישראל איז קראַנק... משוגע... — האָט סווירסקי תיכף חרטה געהאַט — מ׳דאַרף קענען אויסהאַלטן — ווען נישט, ווערט מען צעבראָכן...

דער יונג איז פאַרשוויגן געוואָרן, געמורמלט, אַז ר׳וועט מאָרגן קומען זיך דורכשמועסן, דערלאַנגט אַ גראָבע, שווערע האַנט, האַרט, ווי בלעך. סווירסקי איז אַדורכגעגאַנגען דורך אַ פינסטערן קאָרידאָר, אָנגעשטויסן זיך אָן אַ קויש, דערהערט אַ קוואָקען פון אויפגעוועקטע הינער, אַריין אין אַ קליין הייפל, ווו ס׳האָט געשמעקט מיט מיסט און שטאַל. אין דער גרויסער שטוב האָט געברענט אַריינגערוקט אַ לעמפּל הויך אויפגעהאָנגען ביים סאַמע פאַרריסטן סופיט. ס׳איז דאָ געשטאַנען אַ בופעט באַלייגט מיט לעדער, טאָוולען, קאָפּיטעס; ס׳האָט זיך געפילט פון פאַרב און קלייסטער. ביי דער קיך איז געשטאַנען אַ הויך ווייבל, באָרוועס, מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און זי האָט געוואַשן געפעס. נישט ווייט פון פענסטער אין דער טונקלקייט איז געלעגן אין בעט דער טאַטע און איז געשלאָפן. סווירסקי איז אַריינגעקומען שטילערהייט, מיט האַרצקלאַפּעניש דערפילט, אַז דאָס איז מסתמא זיינס אַ שטיפמוטער, געבליבן שטיין אין דער שוועל אַן אויסגעפּאַטשטער און שולדיקער. ס׳ווייבל האָט זיך אומגעקוקט, אַרויסגענומען דעם וויעכעטש פון דער שיסל הייס וואַסער און זי איז אַזש שוואַרץ געוואָרן

פון אָנלויפנדיקן בלוט אין פּנים, ביז טיף אַראָפּ אין שמאָלן, אויסגעשניטענעם גאָרס...

— דוד—דאָס זענט איר—איז זי שיער נישט דערשטיקט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם נאַסן וויעכעטש אויף דער הייסער קיך, אַז ס'האָט גענומען זידן און בלעזלען זיך, אים אַקעגנגעגאַנגען אַן אויסגעבויגענע פון דערשראָקנקייט און בזיון. — ביטע... דאָס איז דאָ... איר ווייסט מסתמא נישט, אַז...

דאָס ווייבל האָט תּיכּף געוואָלט אויפוועקן דעם טאַטן, נאָר סווירסקי האָט נישט געלאָזט, געטאָן שטילערהייט, אַריינגעגאַנגען מיט איר צוזאַמען אין אַ קליין, דושנע אַלקערל מיט אַ גרויסן פּיעקעליק. ס'איז דאָ געשטאַנען אַן אויפגעבעט, צעוואָרפן בעט, ס'האָט זיך געשפּירט פון אַלטן, אויפגערודערטן שטרוי און שמאַטעס. דאָס ווייבל האָט פאַרלייגט די פאַרשאַרצטע הענט אויף די באָקעס, געדרייט זיך אויף איין אָרט, נישט אויפגעהערט שטילערהייט ציטערן און פינטלען מיט די אויגן פון פאַרלעגנהייט:

— איר הערט... ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען... ער האָט אַזויפיל לעצטנס גערעדט וועגן אייך און איבערגעקלערט... אַזוי ווי כ'האָב אייך דערזען, טראַכט איך מיר: דאָס זענט איר, דוד... איר זעט אויס אַזוי שלעכט...

דוד האָט אַ שמייכל געטון, דערמאָנט זיך, ווי ר'איז געלעגן אַ גאַנצן ווינטער קראַנק אין אַ ביידל ערגעץ אויפן הוילן פעלד, געבליבן זיצן ביים טיש און איינגעקוקט זיך אויף איין פּינטעלע אין דער געלער צעראַטע, געפילט, ווי פון וואַרימקייט נעמט ביי אים שוויצן דער גאַנצער, פאַרקילטער גוף, די אויערן פלאַקערן, אין הוילן האַרץ דערוועקט זיך דער לאַנג-איבערגעגאַנגענער הונגער און פון אָנגעברענטן ריח נעמט אַזש וואַסערן אין מויל. דאָס נאָז-הייטל ווערט אויפגערייצט צום ניסן און די אויגן ווערן נאַס אין די ווינקלען, גייען איבער. דאָס ווייבל איז אַרויסגעגאַנגען, עפּעס געשעפּטשעט אין צווייטן חדר. פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אין דער טיר אַ שוואַרצער ייד, אַן אָנגערויטלטער, אַ באָרוויסער, אַ דערשוויצטער, אין אַ כאַלאַט איבער די אונטערוועש און מיט געדיכטע ברעמען-באַרשטן איבער די אויגן. נאָך איידער דוד האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך,—האָט אים יענער אַ כאַפּ געטון מיט ביידע הענט ביי די אַקסלען, אים אַ דריק געטון צו זיך, אָנגעפילט דאָס גאַנצע פּנים מיט האַרטער, שטעכעדיקער באָרד און זיך צעכליפּעט גראָב און הירזשענדיק, אַז ביי דודן איז דאָס גאַנצע פּנים אויף איין מאָל נאַס געוואָרן.

— דוד! דאָס ביזטו? — אַקכוי-כי... מיין — זון!...

## IV

אַז סווירסקי האָט צומאָרגנס — אַן אָפּגעגעסענער און אויסגעשלאָפענער — געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער גלויבט נישט אין פאַלעסטינע, האַלט עס פאַר אַ ברכה לבטלה און אַז דער איינציקער וועג פאַר יידן איז: אַרבעטן, לערנען, האַלטן זיך ריין און וואַרטן אויף אַנדערע צייטן,—האָט דער טאַטע דערביי פאַרצויגן די ברעמען אַזוי שטאַרק, אַז מ'האָט בלויז אַרויסגעזען צוויי שמאָלע, טונקעלע פאַסיקלעך אויג, מיט שטומער הקפּדה צוגעשאָקלט דעם קאָפּ, געווישט די הענט אומגעדולדיק אינם בלויען גלאַנציקן פאַרטוך איבער דער ברייטער געשטאַלט, געהויבן דאָס האַלב-זיידענע בעל-מלאכהשע יאַרמולקעלע, ווי פון צופיל היץ און געדליבעט אין זיין שוואַרצער, געדיכטער באָרד, אַ האַרט-האָריקע, ווי פון שטעשטשאַנעס. זיינע לאַנגע האָריקע אויערן זענען אָפן געווען און פאַרנומען דעם יונגס דבורים, די קורצע, באַבערדלטע נאָז מיט די ברייטע נאָזלעכער איז געווען פאַרצויגן ווי צום ניסן און דער גראָבער קאַרק זיינער איז אַזש אָנגעלאָפן מיט בלוט. דער ייד האָט געהאַט אינגאַנצן אַ פאַרקערטן חשבון, גוט געקענט אויף אויסנווייניק אַ פּאָר ציוניסטישע בראָשורן, געהאַט פונדעסטוועגן זיין אייגענעם דרך און מיט עקשנות און ביטול באַשלאָסן ביי זיך נישט איבערצושפּאַרן דעם זון און קוקן אויפן גרייטן.

— אַ, אַזוי מיינסטו? — האָט ער גענומען אַ קאָפּיטע פון אַ פּאָלקע אויף דער וואַנט און זי גענומען צושניצן מיט אַ שטיקל גלאָז.—עך האָב אַלץ אויסגעהערט... עך האָב מיין מיינונג... מילא, גוט, קענסטו זיין ביי מיר און אויסלערנען דעם פאַך... מער ווי אַן אַנדערער וועל איך דיך זיכער נישט עקספּלאָאַטירן!..

דער טאַטע האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט „עקספּלאָאַטירן", בשעת-מעשה ביין אַ קוק געטון אויף דעם זון, ווי איינער זאָגט: עך ווייס גאַנץ גוט, וואָס דאָס איז אַזוינס און קיין נייעס קענסטו מיר נישט דערציילן... דער ייד האָט געלאָזן און מיט איינגעהאַלטענער ערנסטקייט גערעדט וועגן דעם, אַז אַ מלאכה דאַרף מען קענען אַדורך-און-דורך, געזידלט מיט רוגזה די פּאַרטאַטשעס, וואָס מאַכן אַ תּל פון יעדער אַרבעט און זענען גורם צרות אויך דעם אמתן פאַכמאַן, געזאָגט, אַז די טבע פון יונגעלייטלעך איז — צו האָבן התפּעלות און תּיכּף אָפּצושטיין: אַזוי כאַפּן יונגלעך זיך צו צו אַן אַרבעט, אַזוי לויפט מען קיין ארץ-ישראל... צום ערשטן טענהט מען, אַז מ'וועט זיך האַלטן שטאָל און אייזן, דערנאָך דערשרעקט מען זיך פאַר דעם מינדסטן קלייניקייט, אַ שטייגער ווי די מרגלים... ער האָט בשעת-מעשה געפּאַפּעט אַ קליין פּייקעלע טיטון צווישן די גראָבע ליפּן, פון איינגעהאַלטענער אויפגערעגטקייט — אַלעמאָל געמוזט אָנצינדן נייע שוועבעלעך, געזויגן דעם סאָק פונם שמאָלן ציבוכל, געשפּיגן ווייט פאַר זיך און געהאַט תּרעומות, אַז מ'צאָלט געלט פאַר יוקס און מ'האָט נישט קיין הנאה. דערנאָך האָט ער אַ הויב געטון דעם האַמער, ווי ר'וואָלט זיך געגרייט עמעצן אַ קלאַפּ צו טון, אים צוריק אַנידערגעלייגט און זיך אָנגערופן הויך און שאַרף:

— מילא, אַזוי ווי מ'בעט זיך — אַזוי שלאָפט מען... אַ קאַמאַשנמאַכער — זאָל זיין דאָס! אָבער געדענק איין זאַך: אויב וועסט שפּעטער דרייען און זיך כאַפּן צו עפּעס אַנדערש— איז האָסטו מיט מיר נישט וואָס צו רעדן... קענסטו גיין...

דער טאַטע האָט אָנגעוויזן סווירסקין וואָס צו טון, געהייסן אים מאַכן קלייסטער און קלעבן, באַפעלט פרעמד און בקיצור, אַז מ'דאַרף נישט באַלאַמוטשען און נישט טראַכטן קיין הוריות... גענוג געגאַנגען ליידיק ביז איצט!... נאָר סווירסקי האָט זיך נישט דערשראָקן פאַרן פאָטערס הקפּדה, בשעת-מעשה מיט אַ באַרשט אָפּגעפּוצט זיינע שיך, אָנגעמאָסטן דעם טאַטנס אַן אַלטן פאַלטאָ מיט טאָלפּטע קנעפּ. וואָס די שטיף-מאַמע האָט אונטערגעטראָגן מיט געררויטלטע באַקן, פול מיט מורא נישט צו באַקומען קיין פּסק פונם מאַן, וואָס איז היינט אויפגעשטאַנען, [illegible] פּנים, אויף דער לינקער זייט. נאָך דרייצן שעה שלאָפן און אַ זעטיקן אָנבייסן פון מילך מיט אייער, האָט דער יונג זיך צוריק דערפילט ביי די כּוחות, אַריינגעאָטעמט אַ פולע ברוסט לופט, אומגעקוקט זיך, געזען אַז די ווענט פון שטוב זענען שוואַרץ, ווי אין אַ קוזניע, און אַז צוויי שויבן אין די פענסטער זענען פאַרקלאַפּט מיט טאָוול און פאַרשטופּט מיט שמאַטעס. אַקעגן ליכט פון ווינטערדיקן, חשכדיקן טאָג האָט סווירסקי דערזען קלאָר, אַז דער דלות פייפט דאָ אין אַלע ווינקלעך, פאַרשטאַנען דעם טאַטנס

מורמלענדיקן רוגז, דערמאָנט זיך אַז ס'איז מיט אים אַלעמאָל שווער געווען אויסצוקומען, און אַז די מאַמע פלעגט פאַר אים ציטערן און יעדע עטלעכע חדשים אַנטלויפן צום זיידן צוליב אַ מחלוקת. אינם דיל זענען געווען לעכער, די סטעליע איז געווען געלבלעך־פייכט פון רעגן. אין אַ ווינקל איז געזעסן די הויכע, דאַרע מומע מיט אַ צעפלאַמטן שטערן, געשיילט קאַרטאָפל מיט אַ שטומפיק מעסער, פול מיט דער ווייסנדיקייט פון אַן אונטערטעניק ווייב, וואָס קען אַלע חשבונות, וואָלט געוואָלט זיך עפּעס אָנרופן, נאָר פון מורא מ'זאָל נישט האָבן טענות הלמאי זי שטעקט אומעטום אַריין די נאָז, — שווייגט זי הכנעהדיק, פול מיט דעם הייסן ווילן, אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן גוט... זי איז דורן געפעלן פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט דערקענט אין איר לענגלעך, איינגעדאַרט פנים, אַז זי לעקט דאָ נישט קיין האָניק און אַז זי ציטערט כסדר פאַר קריגערײַ... וואָס מער סווירסקי האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין זיינע זעלנערישע שיך מיט די שפּיציקע טשוועקעס, אַלץ מער איז אָפּגענומען געוואָרן דער חשק דאָ צו פאַרבלייבן, אויסגעוועפּט געוואָרן. די הענט, וואָס זענען אויפגעשטאַנען מיט אַ בייסן אין די דלאָניעס פון חשק צו נייער אַרבעט, האָבן זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזט, פאַרקראָכן ערגעץ אין די געלאַטעטע הויזן־קעשענעס. דער יונג האָט אַ קוק געטון אויפן מיטלוווקסיקן, ברייטן טאַטן פון דער גאַנצער הויך, געפילט דעם טעם פון נישט שרעקן זיך פאַר יענעמס אָפּרייסן זיך און ער האָט גערעדט קלאָר און שאַרף, מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָלץ און יונגלערישער באַרימערײַ פאַר דער מומען, וואָס וועט זיך אַוודאי ווונדערן אויף זיין העזה:

— טאַטע. איך וויל דיר זאָגן אָט־וואָס: איך בין געקומען אַהער קיין פּוילן אַרבעטן, אָבער נישט ביי דיר. דאָ וויל איך בלויז זיין עטלעכע טעג, אויב דו וועסט ערלויבן.

— הע? וואָס? — רעד העכער! — האָט דער טאַטע נאָך מער איינגעבויגן דעם קאָפּ אין דער אַרבעט. — וואָס אַזוינס זאָל עך דאָס ערלויבן, ווי?

— כ'זאָג בלויז דעם טאַטן, אַז דאָ וועל איך נישט פאַרבלייבן.— איז סווירסקי רויט געוואָרן, אויסגעגלייכט זיך, ווי ר'וואָלט זיך געגרייט צו פאַרמעסטן זיך מיטן פאָטער.— אַרבעטן וועל איך ערגעץ אַנדערש...

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט, פאַרזשמורעט איין אויג אָפּמעסטנדיק און מיט גרייטקייט, בגנבה און מיט זייטיקער נייגיריקייט אַ קוק געטון אויפן יונג, דערזען, אַז ער רירט שיער נישט אָן דעם באַלקן מיט זיין טשופּרינע, און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צוצעשמייכלען זיך: אינדערגיך אַרויסגעכאַפּט דאָס פּודעלע טאַבאַק, אַ שמעק געטון און אָפּגעניסט... דערנאָך האָט ער אָנגעצייכנט מיט אַ שטיקל קרייד אויף אַ בלאַט כראַם, פאַרזעצט דאָס שפּיציקע מעסער און זיך אָנגערופן הינטערוויילעכץ:

— נייטן וועל עך דעך אַוודאי נישט — — אַז אַ מענטש וויל זיך שלעפּן, קען אים קיינער נישט צוהאַלטן... דאָ זיין — ווער ערלויבט דיר דען נישט? מיינסטאַלבן...

דער טאַטע האָט זיך איבערגעהאַקט אינמיטן, געוווסט פאָרויס, אַז דער זון וועט אַנטלויפן, געוואָלט אים זאָגן, אַז ר'קען דאָ זיצן און זיך אָפּרוען וויפיל נאָר ר'וויל און אַז ס'וועט נאָך ב"ה קלעקן פאַר אים עטלעכע וואָכן. פונדעסטוועגן האָט ער געשוויגן, נישט געוואָלט זיך שפּל מאַכן פאַר דעם מחוצף און אים אַרויסווייזן געטריישאַפט, האָט פון דער העלער הויט אַ געשריי געטון צום ווייב, אַז מ'זאָל פאַרמאַכן די טיר: — ר'איז נישט מחויב אויסצוהערן אַלע טענות פון די שכנישע ווייבער, איז ער נישט!... פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע כמעט מער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט מיטן זון, געטון דאָס זייניקע געלאַסן און באַדעכטיק, בלויז פון צייט־צו־צייט געכאַפּט צו אים אַ בליק זייטיק און פון דערווייטנס, ווי איינער זאָגט: נו, אַדרבא, לאָמיר זען, וואָס ער וועט אויפטון מיט זיין שכל!... די ערשטע טעג האָט זיך סווירסקי אַרומגעדרייט איבערן שטעטל אָן שום צוועק. אין איינעם אַ טאָג איז ער אַוועקגעגאַנגען צום הויכן, שוואַרצן קוימען, וואָס האָט אָפּגעשטאַרט פון ערגעץ נישט ווייט; ס'זענען אַרום אים אַרומגעפלויגן שוואַרצע ווראָנעס, אַ שיטער, דורכגעזיפּט רויכל האָט געגליוועט איבער אים, ווי צוגעפרוירן, און ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי ברענט זיך אינעווייניק, אָדער דאָס האָט זיך גראָד דאָ אָפּגעשטעלט אַ נידעריק, אָפּגעריסן, האַלב־צעגאַנגען שטיקל וואָלקן. — סווירסקי איז געגאַנגען איבער אַ גרויס פעלד באַשטעלט מיט דרענגער, אַרום וועלכע ס'וויקלען זיך זומער־צייט האָפּן, געזען פאַר זיך עטלעכע חרובע, צוגעפּלאַטשטע שאָפּעס מיט דעכער נאָענטע ביי דער ערד, פאַרביי דאָס ברוי־הויז און דערקענט דעם וואָגן מיט פעסלעך. אַ ברייטע בכבודיקע יידענע אין אַ לאַנג פוקסן פוטער און אין אַ שוואַרץ געקאַרבט שייטל באַשטעקט מיט בלישטשענדיקע קעם איז איינגעזעסן אין אַ ברישקע. אַ ייד, אין אַ נגידיש געהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ שטייף, ווייס קעלנערל אַרום ברוינעם, אָפּגעברענטן האַלז און אין אַ שוואַרצן קירהשן קאַפּעליוש פאַררוקט צום קאַרק, האָט זיך געזעגנט מיט דער יידענע חסידיש־שעמעוודיק און וועלטלעך, געשאָקלט מיט דער האַנט, אַריינגעשמייכלט נאַרישעוואַטע אין זיין צעקעמט טונקל־ברוין בערדל און נאָכגעשריגן:

— פאָר געזונט און הייל דיך גוט!... הערצלעכע גריסע!..

ער האָט נאָכגעקוקט, ווי ס'קוילערן זיך אַראָפּ די הינטערשטע צוויי רעדער באַרג אַראָפּ דעם פּוילישן וועג, עפּעס אַ זאָג געטון מיט אַ ווונק צו אַ גראָבער, רויטער שיקסע מיט אַ געלער, זומערדיק־אָפּגעבליאַקעוועטער פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, אָנגעקוקט סווירסקין מיט דער הנאה פון אַ באַלעבאָס, וואָס פילט זיך גוט, ווייס, אַז אַלע קענען אים און קוקן זיך צו צו זיין פירונג. ער האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ פאַרשוין דער יונג קען זיין, זיך אַ קראַץ געטון אין דער פּאַטעליצע, צעשמערגעט זיך מיט אַלע געלע ציין:

— איר זענט, מסתמא, נישט קיין היגער, ע?

— ניין.

— אַ לאַכטשעווער?

— איך קום פון פּאַלעסטינע.

— אַ, לייזערס זון?—מ'האָט טאַקע געשמועסט וועגן דעם אין בית־המדרש... כ'מיין צו זאָגן: ווי פאַלט־אויס אַ יונגערמאַן אַריינצופאַלן אין מלך־אביונס ערגסטע גיטער, הע?—כדאַי געווען צו פאָרן מיט באַנען און שיפן, כדי צו קומען קיין באַביעניטשע?...

(סוף קומט)

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב, וואַרשע

שוין דערשינען:

אייפּטאָן סינקלער

פּעטראָלעאום

צווייטער באַנד. פּרייז 9.20

אויסשליסלעכער פאַרקויף:

Spółdz. „Bycher" Warszawa, Nalewki 2a.

# צוריקוועגס

## יצחק באַשעוויס / וואַרשע

(סוף)

דער ייד האָט חוזקדיק געעפנט דאָס מויל, געוואָלט אַפּנים, זאָגן אַ גלייכוואָרטל, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט — אַוועקגעדרייט זיך און געטון אַ ווייטן שפּיי... סווירסקי איז געגאַנגען אַהיים דורך נאַסע לאָנקעס, אויסגעדרייט זיך צוריק אין שטעטל, געזען, ווי פון אַלע פענסטער קוקן אויף אים נייגיריק יידן אין יאַרמלקעס און אין וואַטאָווע שפּענצערס, דערשראָקענע מיידלעך, באַלעבאַטישע קינדער, וואָס גייען שבת נאָר מיט חברטעס און אין די שפּעטערע יאָרן טוט מען מיט זיי באין־ברירא „פּוילישע" שידוכים.. צום וויפּלסטן מאָל האָט אים אָפּגעשטעלט אין גאַס ברוך, דער שטעטלשער ציוניסט, חשיבותדיק און פייערלעך דערלאַנגט די האַנט, אַ סך מאָל זיך אַנטשולדיקט, גערעדט דייטשמעריש. ס'איז געווען אַ נידעריקער בחור, אַ ברייטער, אַ געל־האָריקער מיט איבערבלייבענישן פון קליינע, געדרייטע פּאהלעך. אַ פּאַלטאָ האָט ער געטראָגן אַ קורצן, אַן אויסגעוואַקסענעם ביז פאַר די קניען. אויפן קאָפּ ביי אים איז געזעסן אַ מין חסידיש־יאָלדישער קאַפּעלאַטש מיט ברייטע ראַנדן. ער האָט זיך נישט אויפגעהערט קלאָגן אויף באַביעניטשע, פאַררעכטנדיק בשעת־מעשה די געגילדטע, זשאַווערנדיקע בינאָקלען אויף זיין לאַנגער, שוטהוואַטער נאָז.

— אַז אַלץ פוילט דאָ פון פאַנאַטיזם... דער בעלזער רב פירט דאָס רעדל און ר' ביניש, דער דיין, העלפט־צו... נישט קיין לעבן און נישט קיין פּראָגרעס...

סווירסקי פלעגט אַוועקגיין פון אים אַ מידער, אַ שלעפעריקער, איז געזעסן דערנאָך לאַנג ביי אַ בוך און געלייענט מיט אַן אויסגעהוילטן קאָפּ פון זאָרגן, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן איז אָנגעשריבן, געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט ערגעץ אין דערפרעמד געוואַרט אויף אַ פור... סווירסקי האָט אַוועקגעשיקט אַן אַנאָנס קיין לעמבערג, זיך דורכגעשריבן מיט אַן אַלטן באַקאַנטן פון פּרעמיסלע וועגן אַ פּאָסטן, וואָס יענער זאָל אים שאַפן אונטער די אויגן, נאָכגעפרעגט זיך ביי שכנים צי זיי ווייסן נישט עפּעס פון קיין אַרבעט... אַלץ איינס וואָס, אַבי ס'זאָל זיין אויף צו לעבן... די טעג זענען געווען קורצע, קאַלטע. די מומע האָט געהייצט דעם אויוון, אַריינגעבראַכט האָלץ פון דרויסן און געלייגט צו טרוקענען אונטער די בעטן. דערנאָך האָט זי זיך גענומען אויספּוצן ס'לעמפּל, אָפּשנייצן די קנויט. די מומע האָט גערעדט שטילערהייט, דער טאַטע זאָל נישט הערן, דערציילט, וואָס מענטשן שמועסן, אַז דער היינטיקער ווינטער וועט זיין זייער אַ שאַרפער... אַזעלכע ווינטערס טרעפן זיך בלויז איין מאָל אין אַכציק יאָר... בשעת־מעשה האָט זי נישט אויפגעהערט קרעכצן, דערציילט מיט יסורים, אַז זי ליידט שוין עטלעכע יאָר אויף דער לעבער, עסט נישט גאַנצע טעג און האָט קאָפּ־ווייטיק. אין דער טונקלקייט האָט זיך דער טאַטע געדרייט אַהין און צוריק איבער דער שטוב, געפּאַפּעט זיין פייקעלע, אינדערגיך אָפּגעפּטרט אַ מנחה, יעדעס מאָל אַ ברום געטון, ווי פון טרוקנקייט אין האַלז, אויסגערעדט אין מיטן דאַווענען און געטענהט צום ווייב, אַז זי מאַכט אָן אַ פייכטקייט אין שטוב... זי וועט נאָך ברענגען דערצו, אַז ס'וועט דאָ אָנהויבן וואַקסן אַ „גזשיב" אויף די ווענט, — וועט מען מעגן אַנטלויפן מיטן לעבן.. דערזעען דעם זון, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַנו, ווו זענען מיר געווען? — אַבי צעריסן די שיך, העז... — העלדישער חלוץ!...

סווירסקי האָט נישט געענטפערט, פאַרקראָכן אין אַ ווינקל, צוגעהערט זיך צו דער אָנגעלאָדנקייט אין דער שטוב, פאַרנומען ווייטע, אָפּגעהאַקטע שאָרכן. אין פאַרריסטן, בלאָטיקן דרויסן איז געקראָכן אַן אויסגעבויגענער וואַסער־טרעגער מיט צוויי הילצערנע קובלעס אויף די נאַשעס, אַ פאַרסאַרגעטער ביז אַרויף און אין אַ היטל אָן אַ דאַשעק. אַ שכנטע האָט געעפנט די טיר, גערעדט וועגן דעם גאַסט, וואָס איז דאָ פאַראַן, געוואָרפן אויגן צו סווירסקין אין ווינקל און געזאָגט:

— ליב אייך אייער גאַסט... שבת מערטשעם וועלן מיר שיקן קוגל...

V

נאַסע און שנייאיקע טעג אין באַביעניטשע, דער וועג איז קאַליע, די טעג זענען קורצע, פאַרנאַכטיקע; איידער מ'באַווייזט אָפּצועסן די הייסע גריץ און אַ קוק צו טון אין אַן אייערנעכטיקער, לעמבערגער צייטונג, וואָס קומט־אָן אַהער אויפן דריטן טאָג, פאַלט־צו די נאַכט. אין אַקעגנאיבערדיקן הילצערנעם בית־המדרשל צינדט מען אָן ליכט אין ששה נרות, די געציילטע עטלעכע געוועלבלעך, ווייט אָפּגערוקטע איינס פונם אַנדערן, זענען פאַרמאַכט אויף האַלבע טירן, אויף די בופעטן ברענען גראָשיקע ל'כטלעך. אין דער צייט קומט קיינער נישט פון די אַרומיקע דערפער, מ'פירט נישט קיין בעלקעס צום סאַן, בלויז אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַ פויער אין אַ ברוינעם שעפּסן־פעלץ, אין לאַפּטשעס און מיט אַ פאַרברענטן, געלעכערטן שטרוי־הוט איבער די בלאָטיקע קודלעס, ווי נאָכהענגענדיקע שטיקער טאָרף. ער קויפט נאַפט אין אַ בלעכענער באַנקע, דינגט זיך זשעדנע און מיט מורא נישט אָפּגענאַרט צו ווערן, קוקט זיך אום מיט טעמפּן חשד צי ס'לאָזט זיך דאָ גאָרנישט אַרונטערנעמען הינטער דער פּאָלע און ער זידלט יידן, שילט און דראָט מיט געשלעגן און רציחות:

— דאַ, אין אוקראַינע האָט מען די זשידעס געקוילעט, ווי די חזרים... צוזאַמען מיט די לאַכעס... אָט וואַ...

באַביעניטשע איז אָפּגעשראָקן. אַמאָליקע צייטן, ביי די עסטרייכער, האָבן דאָ געוווינט די גרעסטע נגידים פון דער נאָנצער געגנט, מ'האָט דאָ, אין באַביעניטשע, געפירט בענק, גענומען גרויסע פּראָצענטער, פאַרקויפט פויערישע פעלדער אויף ליציטאַציע פאַר געבאָרגטן בראָנפן. צוויי פּרעמיסלער אַדוואָקאַטן זענען דאָ געזעסן, געפירט פּראָצעסן אין מאַקוטשויווער געריכט, געמאַכט קאָמבינאַציעס: דער גוי האָט געציטערט פאַרן ייד, געהויבן דעם הוט, באַלעבאַטים פון צען מאָרגעס ערד פלעגן קומען איינהייצן שבת אין אויוון, אויב דער אַלטער „זשביק" האָט זיך גראָד אָנגעשיכורט אינם באָד און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט... אָבער אין דער מלחמה איז אַלץ איבערגעקערט געוואָרן. זינט די „מאָסקאַלעס" זענען דאָ אַריין, — האָט מען נישט אויפגעהערט ראַבירן. האַלב באַביעניטשע איז פאַרטריבן געוואָרן קיין סיביר אין רוסלאַנד, קאָזאַקן האָבן צוגענומען קירהשע טוליפּעס און צירונג, האָבן אויסגעגראָבן קאַסטנס פון אונטער דער ערד. געשלאָגן, געקוילעט, געשטעלט בדלות דאָס גאַנצע מקום. דערנאָך האָבן דאָס אייגענע געטון די יוונים, וואָס קענען יעדן

